בעזהשי"ת
קינדערגארטן
דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# וואס הערט זיך אין קינדערגארטן

שלח
תשע"א











## פ' שלח תשע"א

### ✪די גרויסע טרויבן – און די גרויסע באבעלעך

(פאר די גרעסערע קינדער) מיר הערן די וואך די מעשה פון פ' שלח –שיק. אז משה רבינו האט געשיקט מרגלים – שפיאנען, צו קוקן אויב ארץ ישראל איז א גוטע לאנד.
פאר מיר גייען זעהן וועגן די סדרה, האבן מיר קודם געזעהן גאר א אינטרעסאנטער בָאבֶ"ל שפיל. אונז האמיר אויסגעלערנט וויאזוי מ'דארף בלאזן באבעלעך. מ'דארף קודם אויפמאכן די באטעלע און ארויס נעמען די שטעקעלע און בלאזן אויף די שטעקלעלע... (דערציייל פאר טאטי און מאמי וואס עס האט זיך אפגעשפילט אין לאנטש רו"ם...) נאכדעם האבן צוויי קינדער **משה שרייבער** נ"י. און **יודא לייב לעווי** נ"י געהאלפן מאכן שיינע באבעלעך, זיי האבן געמאכט א רעי"ס ווער סקען בלאזן שנעלער און מער באבעלעך.ביידע האבן געוואונען... נאכדעם זעהן מיר וויאזוי מ'קען בלאזן גרעסערע און נאך גרעסערע באבעלעך, אבער מיר האבן נאר געוואלט זעהן "ריזיגע" באבעלעך אזוי גרויס ווי די טרויבן וואס די מרגלים האבן געברענגט.
האט מען אנגעהויבן צו בלאזן אזעלכע ריזיגע באבעלעך אז מיר האבן נישט געקענט זיך איבערקומען פאר פרייד....
נאכדעם האט זיך געפענט די טיר און עס זענען געקומען צו גיין אסאך אינגעלעך וואס האבן געטראגן מיט שטעקענעס ריזיגע – ריזיגע טרויבן (באלאנען) מיר ווייסן אז ס'איז נישט קיין עכטע טרויבן. די אינגעלעך זענען געווען **הערשי פלאר נ"י , שמעון פישער נ"י , נחום מרדכי פריעדמאן נ"י אהרן גאלדשטיין נ"י יואל ווייס נ"י שמעון ווערצבערגער נ"י שמעון קלאגסברוין נ"י , אברהם חיים שטוהל נ"י** זיי האבן געטראגן גרויסע ריזיגע טרויבן אויף צוויי שטאנגען אז יעדער האט עס געקענט גוט זעהן. מיר בעטן א תפילה צום באשעפער ער זאל שנעל שיקן משיח צדקינו און דעמאלס וועלן מיר אלע קענען בקרוב ארויף קיין ארץ ישראל.

✪ (פאר די נורסערי –פרי נורסערי) א יישר כח פאר די קינדער פון רבי פישל האלפערט'ס חדר וואס האבן געשלעפט די גרויס טרויבן און דאס געוויזן פאר אלע נורסערי און פרי נורסערי קלאסן.

✪ (פאר די נורסערי קינדער) דאנערשטאג האט מען געוויזן די באבעלעך שפיל פאר אלע "נורסרי" קלאסן.

### ✪אין א מזל'דיגע שעה

די גמ' ברענגט אויף א פלאץ אז די לוים האבן יעדן טאג געזאגט שירה אויף א אנדערע זאך. דאנערשטאג האבן זיי געזאגט דעם פסוק פון "הרנינו לאלוקים עוזינו וכו' ווייל דאנערשטאג האט דער אייבירשטער באשאפן די בהמות און די חיות און דאס ברענגט צו לויבן דעם הייליגן באשעפער, ווייל ווען מענטשן זעהן די נפלאות הבורא נעמען זיי זיך לויבן דעם אייבירשטער'ס נאמען.
ווי פאסיג זענען די הייליגע רייד אין א צייט ווען צו דעם גרויס פרייד פון אלע קינדערלעך וואס האבן שוין אזוי לאנג ארויס געקוקט דערויף און כסדר געפרעגט "ווען קען מען שוין גיין צו די פארעם? ווען מאכט מען עס שוין אויף? האט מען ענדליך די וואך נאכן וואכן ארבעטן דאס צו צוגרייטן, ענדליך געפענט דעם פארעם" פון וועלכע זיי האבן אויסערגעווענטליך הנאה צו גיין און באזוכן די הערליכע נפלאות הבורא ווען זיי האבן נאר די גיליעגנהייט.
א ספעציעלע סדר איז אויסגעארבעט געווארן דורך די חשובע מלמדים און עס איז איינגעטיילט אז יעדע חדר עקסטער זאל זיך געפונען אין פארעם אזוי אז די קינדער קענען פארברענגן און געניסן רואיגערהייט אן קיין שטער פון א אנדערע חדר.
ווען מיר גייען ארויס, נעמט מיין רבי מיט צו עסן פאר די לעמעלעך און ציגעלעך, יעדער באקומט אביסל עסן אין די הענט, מיר דארפן נישט מורא האבן זיי צו געבן עסן ווייל מיר דארפן זיי נישט אנרירן, ספעציעלע פייפ"ס איז ארויף געשטעלט געווארן אין וואס מירווארפן אריין די עסן אין די חיה'לעך קומען צו דאס עסן...
און אונזער פארעם דעס יאר איז פארהאן פיר ציגעלעך וואס מאכן אונז זייער לעבעדיג ווען זיי שפרינגען ארויף און אראפ און קריכן ארויף אויף זייער פארט"ש. א גרויסע ברוינע שעפסעלע וואס האט אסאך אסאך וואהל. מיט צוויי קליינע זיסע בעבי לעמעלך שווארטץ און ווייס. הערליכע ווייסע קאטשקעלעך וואס שווימען אין די קליינע לעי"ק וואס מ'האט געמאכט פאר זיי. קאלערדיגע טשיקעלעך, און קליינע ווייסע בעבי טשיקעלעך (נישט פרי נורסערי –נאר נורסערי...). אויך זעהן מיר הערליכע פייגעלעך און א קעיד"ש וואס טשוויטשקן זיך אזוי זיס. אויך איז דא פיצי בעבי פיקאק"ס וואס זענען זייער קליין און מוזן נאך זיין אונטער די לעקטער זיי צו האלטן ווארעם. אויך האבן מיר א גרויסע הערליכע "פיקאק" פייגל וואס עפענט זיך אויף זיינע הערליכע גרויסע פעדערן וואס ווער עס זעהט עס שרייט ארויס הויעך מה רבו מעשיך ד' כולם בכחמה עשית. במשך די קומענדיגע וואכן וועט מען אי"ה וויזן פאר אלע קינדער א פרעזענטאציע, ווי זיי וועלן זיך באקענען פון די נאנט מיט יעדע באשעפעניש באזונדער, און הנאה האבן פון די הערליכע נפלאות הבורא, גלייכצייטיג זיך אויסלערנען די נוצן וואס מ'באט פון יעדע באשעפעניש.

## ✪ מזל טוב פון די וואך

הנהלת הקינדערגארטן וואונטשט א הערצליכן מזל טוב
פאר המלמד החשוב
מו"ה **יודל אקער** הי"ו
צו דעם געבורט פון זיין צווילניג. זוהן און טאכטער שיחיו
דער באשעפער זאל אייך שענקן איר זאלט זיי מגדל זיין לתורה לחופה ולמעשים טובים
איר זאלט דערלעבן צו זעהן פון זיי פיהל נחת דקדושה געזונטערהייט עמו"ש

## ✪ מעסעדש פון די וואך? *(ציצית קאמפיין)*

חשובע עלטערן שיחיו.
מיר נויטיגן זיך אין עקסטערע ציצית'לעך וואס מיר זאלן קענען אנטוהן אין פאל א קינד פארגעסט זיין ציצית אינדערהיים. ווער עס איז וויליג מנדב צו זיין א ציצית'ל זאל דאס ביטע שיקן צום מנהל אין אפיס. א דאנק

## ✪ לאמיר זעהן אויב דו ווייסט וואס איז וואס? *א חלק פון אונזערע געסט*

**(אסאך טאטעס זאגן זיי ווייסן נישט קיין חילוק)**

























# חכמה'לעך

✪

**יחיא' מיכל בידערמאן'ס** טאטע האט פארהערט זיין ברודער און געפרעגט וואס איז די קשיא? האט יחיאל מיכל געפרעגט "**טאי. פרעגט ווי די קאטשקע? זיי זענען אין וואסער?...**

✪

ווען מיר זענען אהיים געקומען פון אונזער באבע'ס הויז, האט **יוסעלע לאקס'ס** גרויסע שוועסטער אים אויפגעהויבן וייל ער האט נישט געהאט קיין כח צו וואקן, האט זיין מאמע געזאגט, לייג אים אראפ וויל דיין הענט וועט זייער ווי טוהן, האט יוסעלע געזאגט "**עס איז גארנישט, מ'קען לייגן א בענדעיד"ש"....**

✪

**משה'לע שפיטצער'ס** מאמע האט אויפגעהאנגן א פליגן כאפער און משה'לע'ס שטוב. שפעטער ווען זיין טאטע האט אים געפרעגט. וואס הענגט מען אויף לכ' שבועות? **האט ער געענטפערט "פליגן כאפער'ס"....**

✪

מ'האט געגעבן צוויי אייער פאר **מרדכי'לע גלאנץ**. זאגט ער **"איינס פאר נעשה און איינס פאר נשמע"...**

✪

**משה דוד גלויבער** בעט א גאנץ יו"ט **"ער וויל עסן קנעפעלעך"** (קרעפלעך)....

✪

ער קומט אהיים מיט איין שמחה **"מיר זענען געווען ביי די פארעם...** ער זאגט **ער וויל די ציגעלע זאל קומען אין אונזער הויז.** וואס וועט ער עסן? **פון אונזער נייע גראז.** און וואו וועט ער שלאפן? **אין אונזער קריב".....**

✪

ווען **משה'לע מויזקאפ'ס** מאמע זאגט אים מ'גייט אין שואער, זאגט ער **"אקעי אבער געב מיר א שירעם"...**